**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/13/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט באשטימונג צו נעסאו קאונטי צווישנצייטיגע פינאנץ אויטאריטעט**

***ריטשארד קעסעל אויסגעוועהלט צו זיין NIFA באורד טשעיר און דירעקטאר***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די באשטימונג פון ריטשארד קעסעל צו די נעסאו קאונטי צווישנצייטיגע פינאנץ אויטאריטעט (Nassau County Interim Finance Authority, NIFA).
גאווערנער האקול האט אויך אנאנסירט אז מיט זיין באשטימונג, וועט מר. קעסעל ערפילן די ראלע פון טשעיר און דירעקטאר פון די באורד.

"ריטשארד קעסעל האט די הונטערגרונט און ערפארונג וואס מאכט אים דער פאסיגסטער קאנדידאט צו אנפילן די ליידיגע זיץ אויף די NIFA באורד", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך בין שטאלץ צו אים האבן אננעמנדיג די פאראנטווארטליכקייט, און איך קוק ארויס צו די גוטס וואס ער וועט ברענגען פאר די ברייטערע נעסאו קאמיוניטי אין דעם פאסטן. מיר באדאנקען אויך דעם ארויסגייענדן טשעירמאן און דירעקטאר, עדעם בארסקי, פאר זיין דינסט פאר ניו יארקער און פאר זיין איבערגעגעבנקייט צו די ראלע."

די נעסאו קאונטי צווישנצייטיגע פינאנץ אויטאריטעט איז א פובליק בענעפיט קארפארעישן אויפגעשטעלט דורך די ניו יארק סטעיט לעגיסלאטור אין יוני 2000. NIFA האט געוויסע אויטאריטעט צו קענען אויפפאסן און אויפזעהן אויף די קאונטי'ס פינאנציעלע אנגעלעגנהייטן. אין צוגאב האט NIFA די אויטאריטעט צו ארויסגעבן באָנדס און נאטן פאר געוויסע קאונטי צוועקן, אריינרעכענענדיג צו פונדאסניי אויסשטעלן א חלק פון די קאונטי'ס חובות. NIFA ווערט אנגעפירט דורך באורד פון זיבן מיטגלידער וועלכע ווערן באשטימט דורך די גאווערנער, אריינרעכענענדיג איין מיטגליד ווערנדיג באשטימט נאכן רעקאמענדירט ווערן דורך מאיאריטעט פירער פון די סענאט, איין מיטגליד פון דעם ספיקער פון די אסעמבלי און דעם סטעיט קאמפטראלער און נאך פיר וועלכע ווערן באשטימט אן רעקאמענדירט ווערן בעפאר. צוויי פון די מיטגלידער וואס ווערן באשטימט דורך די גאווערנער אליין און אזוי אויך די מיטגלידער וועלכע ווערן באשטימט נאכן רעקאמענדירט ווערן דורך דעם סענאט מאיאריטעט פירער, דעם ספיקער און דעם קאמפטראלער מוזן זיין איינוואוינער פון נעסאו קאונטי.

ריטשארד קעסעל איז א מומחה איבער ענערגיע און קליענטן אנגעלעגנהייטן מיט א ברייטע הונטערגרונט אין פובליק דינסט. מר. קעסעל האט אין די פארגאנגענהייט געדינט אלס נעסאו קאונטי אינדוסטריאלע דעוועלאפמענט אגענטור'ס באורד טשעיר און אלס CEO פון ניו יארק פאווער אויטאריטעט. מר. קעסעל האט גראדואירט מיט א בעטשעלאר'ס דעגרי פון ניו יארק אוניווערסיטעט און מיט א מעסטער'ס דעגרי פון קאלאמביע אוניווערסיטעט.

**ריטשארד קעסעל האט געזאגט,** "איך באדאנק גאווערנער האקול פארן מיר באשטימען צו זיין דער פארזיצער פון די נעסאו צווישנצייטיגע פינאנץ אויטאריטעט. NIFA איז אויפגעשטעלט געווארן איבער 20

יאר צוריק כדי צו אויפפאסן און אויפזעהן איבער נעסאו קאונטי'ס פינאנציעלע אנגעלעגנהייטן און צו זיכער מאכן אז די קאונטי איז פינאנציעל שטארק און האט לאנג-טערמיניגע פלענער צו האבן באלאנסירטע בודזשעטס און סטאבילע פינאנציעלע אומשטענדן כדי צו באשיצן שטייער-באצאלנדע בירגער און איינוואוינער. איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט די גאווערנער, איר אדמיניסטראציע און די מיטגלידער פון די NIFA באורד צו פאראויס רוקן די קאונטי אין א פאזיטיווע ריכטונג."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418